# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................. **5:15**
מוצאי שב"ק..................... **6:44**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב י'-י"א
בבלי.........................חולין פ"א
ירושלמי................שביעית י"ג
תוספתא..............ידים פרק א'
רמב"ם.......פסולי המוקדשין ה'

פרשת תצוה, י"א אדר-א', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 23 (383)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל לִבּוֹ**, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, זָאל טְרָאגְן דֶעם חוֹשֶׁן אוֹיפְן הַארְץ שְׁטֶענְדִיג. דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף** זי"ע בְּרֶענְגְט פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** זי"ע, אַז יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, לוֹיט זַיין מַצָּב. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נִיצְן דִי מִצְוָה פוּנֶעם חֹשֶׁן?

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') **אַז יֶעדֶער** אִיד אִיז וִוי אַ דִימַאנְט שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס טוּט אוּנְז דֶער חֹשֶׁן ווַייזְן, יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַן אַנְדֶער שְׁטֵיין, מִיט אַן אַנְדֶער קָאלִיר, דָאס ווַייזְט אוּנְז אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען טוּן. יֶעדֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶנְאַרְטִיגְן וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶוען מֶען זֶעט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען טוּן זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן, ווַייל דוּ קֶענְסְט טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּן.

אָבֶּער דִי אַלֶע שְׁטֵיינֶער מוּזְן לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ פוּן צַדִיק דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל. יֶעדֶער אִיד מוּז גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל אִים ווַייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְן, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק וֶוען עֶר טְרָאגְט דִי אִידְן אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶר הָאט זֵיי אִינְזִין, עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינֶעם חֹשֶׁן אִיז גֶעלִיגְן דִי **"אוּרִים וְתוּמִים"**, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין דֶעם **"אוֹר"** פוּן **"תְּמִימוּת"**, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פְּשׁוּט'עֶרְהֵייט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן.

דֶער חֹשֶׁן הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן **"חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט"**, דָאס אִיז פוּן דִי וִוִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס, אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן. יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַרָאפְּגַנְבְ'עֶנֶען אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, הֶעלְף מִיר אוֹיף ווַייטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס"** אַזוֹי רֶעדְט זִיךְ יֶעדֶער דוּרְךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשע"א לפ"ק)

***

**וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה' וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת.** דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיוּת אִין זַיין לֶעבְן. אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְן עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה' וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת,** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לָאזְן הֶערְן זַיין קוֹל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן, **וְלֹא יָמוּת**, וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֵיינְמָאל. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר הָאבְן אַלֶעם גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תְּצַוֶּה ג')

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גוּטֶע חֲבֵרִים

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דִי פַאלְשְׁקַייט פוּן חֲבֵרִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זַיין חַבֵר, וֶוערְט עֶר נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, ווַייל יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ אוּן זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז אַלֶעס אָבֶּער וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן גַשְׁמִיוּת. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ רוּחְנִיוּת דָארְט אַרְבֶּעט עֶס נִישְׁט אַזוֹי. כָאטְשׁ וָואס בַּיי רוּחְנִיוּת דַארְף מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אָפְּגֶענַארְט פוּן מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אָבֶּער יָא זוּכְן גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶע צוּ מַאכְן מַאכְן שַׁבָּת אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; זִינְג זְמִירוֹת אוּן דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פַאר דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער. דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶענֶען אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט אוּן אַ יְסוֹד אִין חִינוּךְ.

גְרֵייט דִיר אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה; הַיינְט אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס הָאבְּן גוּטֶע מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט; פַאר דוּ מַאכְסְט קִידוּשׁ זִינְג שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט.

דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן דִיר פוּן שׁוּל ווַארְטְן צוּ זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דַיין שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ זֵיי ווַייזְן וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג, מִיד, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין נֶערְוְון צוּ זִינְגֶען, דָאךְ פִירְט מֶען זִיךְ וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין ווַייבּ; פַארְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט, אוּן אַ שֵׁיינֶע וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, נִישְׁט סְתַּם פְּלֶעטְשְׁקֶענֶען פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תְּרוּמָה תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ בִּין דוּרְךְ אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ צִיטֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, הָאט אִיר אַן עֵצָה?

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ יָאר צוּרִיק אַ שְׁוֶוערֶע אִינְפֶעקְשָאן, עֶס הָאט מִיךְ גֶעקָאסְט אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, נִישְׁט מֶער גֶעדַאכְט.

דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר אַפָּאר דָאקְטוֹרִים גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ גֵיין מֶער אִין מִקְוֶה, סַיי אַז אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען נָאכְאַמָאל חַס וְשָׁלוֹם, אוּן סַיי אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען.

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער בַּאלְד אַ יָאר, אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּרִיק אָנְהֵייבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁרֶעק פוּן דֶעם. אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ, לֵוִי

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד לֵוִי נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֲלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פוּל מִיט יִסוּרִים ה' יְרַחֵם, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶוערֶע זְמַנִּים, זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר טוּט אַלֶעס; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָּל, נָאר אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דוּ הָאסְט זִיכֶער אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ בַּאבֶּע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין גֵיהִנּוֹם בַּיי דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, הָאסְטוּ זִיכֶער גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער; עֶס לָאזְט זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט גְלֵייבְּן וִוי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאט כֹּחַ דָאס אִיבֶּער צוּ לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, נָאכְן זֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וִוי מֶען הָאט זֵיי אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען, אוּן אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִמֵּילָא הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָּלִיּוֹת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעפְרֶעגְט, "וֶועם קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט זֶען אַ אִיד צִיט אַרוֹיף זַיין אַרְבְּל צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, אוּן אוֹיף זַיין הַאנְט אִיז דָא אַ נוּמֶער פוּן דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, דֶעם אִיד קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אוּן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה"; וַוייל אַ אִיד וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנּוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן דָאס דוּרְךְ גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן טוּט אָן טַלִּית וּתְפִילִין - דֶער אִיד אִיז אַ צַדִּיק.

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע זְמַן, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל נִישְׁט מֶער גֶעדַאכְט, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט, וַוייל אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן

<<<<<<

>>>>>>

(יְשַׁעְיָהוּ מא, ו) "אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק" - מֶען דַארְף זִיךְ יָא הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים, אוּן אֵיינֶער זָאל שְׁטַארְקְן דֶעם צְוֵוייטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נ"ב.) "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָדוֹל הֵימֶנּוּ". בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז וֶוער עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן זַיין חָבֵר, הָאט אַ גְרֶעסֶערֶער יֵצֶר הָרָע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אָבֶּער טַייטְשְׁן דִי גְמָרָא אַז עֶס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן וִויכְטִיגְקֵייט זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים. זֵיי הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט, "כָּל הַגָּדוֹל" - וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אוּן אִיז מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת ה', אִיז דָאס "מֵחֲבֵרוֹ" - וַוייל עֶר הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס שְׁטַארְקְן אִים. "יִצְרוֹ גָדוֹל" - אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אִים, אִיז אַ סִימָן אַז "הֵימֶנּוּ" - דָאס קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר הַאלְט אַז עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן יֶעדְן, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים, עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר קֶען אַלֵיין אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטַייטְשְׁט דִי מִשְׁנָה אִין אָבוֹת (ב', ד') "אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ" - דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין דִיר אַלֵיין בִּיז צוּם שְׁטַארְבְּן. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטַייטְשְׁט אַז מֶען קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין זִיךְ וֶוען מֶען אִיז "בְּעַצְמְךָ" - אַלֵיין, אָן קַיין חֲבֵרִים. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וִוי שְׁטַארְק עֶר זָאל נָאר זַיין, קֶען עֶר אָבֶּער אֵייבִּיג אַרָאפְּפַאלְן, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, וֶועט עֶר אֵיין טָאג אַוֶועקְפַאלְן. וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אָבֶּער אִינְאֵיינֶעם מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, דַאן וֶוען עֶס וֶועט אֵיינֶעם גֵיין שְׁוֶוער וֶועט אִים דֶער צְוֵוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס, אוּן וֶוען דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט הָאבְּן אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, וֶועט אִים דֶער עֶרְשְׁטֶער קוּמֶען צוּ הִילְף, אוּן אַזוֹי וֶועלְן בֵּיידֶע בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גוּטֶע רֶעלְסְן.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן חֲבֵרִים וֶועלְכֶע דְרֵייעֶן זִיךְ אוּן שֶׁעפְּן חִיּוּת פוּן דֶעם זֶעלְבְּן צַדִּיק, אִיז דָאס נָאךְ פִּיל מֶער וִויכְטִיג אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אֲנַן בְּחַבִיבוּתָא תַלְיָא" - אוּנְזֶער הַצְלָחָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס סְ'אִיז דָא צְוִוישְׁן אוּנְז. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אַז דִי וָוארְט "אֲנַן" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ", אַז אִידְן וָואס שְׁפִּירְן אַ חִיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת, דַארְפְן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע כּוֹחוֹת צוּ מְקַבֵּל זַיין נָאךְ מֶער אוּן מֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זֵייעֶר לִיכְט וֶועט שַׁיינֶען אַסַאךְ מֶער אוּן אַסַאךְ וַוייטֶער, אוּן קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל הָאט גֶעהַאט אַ גוּטֶע חַבֵר מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי מָרְדְכַי שׁוֹחֵט זַ"ל. זֵיי פְלֶעגְן הָאבְּן אַ צַייט יֶעדְן טָאג וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע פְלַאץ אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט אִין עֲבוֹדַת ה', זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. אֵיינְמָאל אוּם יוֹם כִּיפּוּר, וֶוען מֶען זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן, הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ גֶעקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ עֶר קֶען טַאקֶע נִישְׁט יֶעצְט גֵיין שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין חַבֵר אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, וֶועט עֶר אָבֶּער נָאכְאַלְץ אַהִינְגֵיין אַלֵיין צוּ דֶעם פְלַאץ וואוּ זֵיי רֶעדְן יֶעדְן טָאג אִינְאֵיינֶעם, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אַלֵיין דֶערְמַאנֶען אוּן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן דִי דִבְרֵי חִיזוּק וָואס זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ. וִוי פַארְוואוּנְדֶערְט אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אוּן דָארְט גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֵר רֶבִּי מָרְדְכַי שׁוֹחֵט. פַאר זַיין חַבֵר אִיז אוֹיךְ בַּייגֶעפַאלְן דֶעם זֶעלְבְּן גֶעדַאנְק, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְּשׁוּת אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן מְעוֹרֵר זַיין אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל זִיךְ הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּזַאמֶען, וַוייל נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ הַצְלָחָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח) אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען וֶוען עֶר וָואלְט גֶעהַאט אֵיינֶעם, סַיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, וָואס זָאל אִים זָאגְן "מַיין בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר וָואלְט פִיל מֶער גֶעלָאפְן אִיז זִיךְ מְזָרֵז גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה',

<<<<<<

**וֶוען עֶס וֶועט אֵיינֶעם גֵיין שְׁוֶוער, וֶועט אִים דֶער צְוֵוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס**

>>>>>>

וַוייל אוֹיף יֶענֶעם צַדִיק אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינֶער וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. דָאס וַוייזְט וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס זָאלְן אִים שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין, אַז אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן חִיזוּק. פַארְקֶערְט, דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ נָאךְ מֶער אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וִוי גְרֶעסֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער וִויל אִים דֶער יֵצֶר הָרַע צוּבְּרֶעכְן. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף עֶר הָאבְּן גְרוֹיס חִיזוּק.

עֶס אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה "מַה רָאָה אָדָם לַחְטֹא? לְפִי שֶׁרָאָה בִּשְׁתַּיִם וְלֹא רָאָה בְּשָׁלֹשׁ" - פַּארְוָואס הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזִינְדִיגְט? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען נָאר צְוֵויי אוּן נִישְׁט גֶעזֶען דְרֵיי. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דָאס טַייטְשְׁן לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן דְרֵיי נְקוּדוֹת "נְקֻדַּת הָרַב", "נְקֻדַּת הֶחָבֵר", אוּן "נְקֻדַּת עַצְמוֹ". רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַמָּזוֹן ה"ג) אַז קוֹדֶם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גֵיין אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ חַבֵר מִיט וֶועמֶען זִיךְ אִיבֶּערְצוּשְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן. אוּן דֶערְנָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אַלֵיין שְׁטַארְקְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם מֶדְרָשׁ, פַארְוָואס הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזִינְדִיגְט? נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן גַן עֵדֶן אִיבֶּער דִי עֲבֵירָה פוּן עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַז דִי גְמָרָא זָאגְט (עֵירוּבִין י"ח:) אַז הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג יָאר הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעזִינְדִיגְט. דָאס אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען צְוֵויי נְקוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי נְקֻדָה פוּן אַ רֶבִּי, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט זַיין אֵייגֶענֶע נְקֻדָה. עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט דִי דְרִיטֶע נְקֻדָה וָואס דָאס אִיז אַ חַבֵר. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אוּן זָאגְן: "בִּיזְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? הוֹיבּ זִיךְ אוֹיף אוּן גֵיי וַוייטֶער", אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן. בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין זוּן קַיִן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כ"ב, י"ג) אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט זַיין עֲבֵירָה אַז עֶר הָאט גֶע'הַרְגְ'ט הֶבֶל, הָאט אִים קַיִן גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן. דַאן הָאט זִיךְ אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעקְלַאפְּט אִין פָּנִים אוּן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי גֵייט עֶס? מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט? אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט?!". דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין חַבֵר מִיט וֶועמֶען זִיךְ דוּרְכְצוּרֶעדְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז.) אַז ר' חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, אָבֶּער נָאךְ מֶער הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים", וַוייל אָן דִי הִתְחַזְקוּת וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַ חַבֵר, וֶועט מֶען אַוֶועקְפַאלְן אוֹיךְ פוּנֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק ו') אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אֵייבִּיג נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּ דִי סְבִיבָה אַרוּם אִים, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן זִיךְ נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וַוייל מֶען קֶען וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי. אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, דְרֵייט עֶר זִיךְ נָאר צְוִוישְׁן גוּטֶע חֲבֵרִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיךְ וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. ווֹאוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ג' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְשׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב מִכְתָּב ה'קי"ב)

# זִיךְ זָארְגְן פַאר דִי קִינְדֶער

אִין סֵפֶר תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ (רַבָּה, פֶּרֶק י"ח) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט טוּן פִיל מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט. עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, אוּן יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁטְרֶעקְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אֶמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, קֵיינֶער פוּן זֵיי זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין עֲבֵירוֹת אוּן אִין מִיאוּס'ע זַאכְן. עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֵיינְמָאל.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען מֶער פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶזְרָא הַסוֹפֵר הָאט צוּרִיק אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט דִי אִידְן פוּן בָּבֶל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער כֹּהֵן אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אֵיידֶער עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְדוֹלִים אוּן יוּנְגֶע כֹּהֲנִים בִּיז פוּפְצִיג יָאר, אוּן אוֹיף אִים זָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, ג'-ד') "בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה, וְהִתְעַנַּג עַל ה' וְיִתֶּן לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט עֶלְטֶערְן דַארְפְן זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וִוי שְׁטַארְק זֵיי דַארְפְן מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער; אוּן וִוי וַוייט עֶס הֶעלְפְט דִי הַארְצִיגֶע תְּפִלוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דוּרְךְ דִי תְּפִלוֹת זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן צוּ זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיבּ טוּט מֶען גָארְנִישְׁט דֶערְצוּ, אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי פְרִיעֶר, צוּ טוּן אַלֶעס וָואס זֵיי קֶענֶען צוּ זוֹכְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. אוּן

<<<<<<

>>>>>>

מוֹהֲרָא"ש קֶען מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן; שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶען הָאט גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז עֶס גֵייט אִים טַאקֶע גוּט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר הָאט אַלֶעס וְכוּ', וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט אִיז עֶס גֶעוֶוען פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין בִּיטֶערֶע יִסוּרִים מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ (זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְצֵיילְן וד"ל), מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה: "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻּזְמָא, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי יִסוּרִים וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער - סֵיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן סֵיי פוּן שְׁטוּבּ; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף אִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש בַּיינַאכְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן; עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ' אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע. בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט דָארְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש, טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן', אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט מַחְשָׁבוֹת פוּן אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן וְכוּ'', בְּקִיצוּר, אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט וֶוען עֶר אִיז מָרָה שְׁחוֹרָה; פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרוֹיס מוֹהֲרָא"ש מִיט דֶעם שְׁמֵייכְל וָואס עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט, אוּן זָאגְט אִים: "יַעֲנְקֶל, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִינְגֶערְמַאן: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, זִי טְרִינְקְט מִיר מַיין בְּלוּט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"ש: "אוּן אַז מֶען הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ וָואס טְרִינְקְט דָאס בְּלוּט אִיז אַן עֵצָה צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן? קוּם טַאנְצְן"; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "יַעֲנְקֶל, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה", אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט אִים פַאר אַפָּאר מִינוּט; דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר פַארְצֵיילְט, אַז וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מַיין וַוייבּ אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וְכוּ' וְכוּ'', נָאר דִי מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס מַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת; וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פְלֶעגְט עֶר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן, אוּן דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁטְרֶעבְּן - צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

דוּ קֶענְסְט גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן; דָאס וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין וְכוּ', דָאס אִיז וֶוען מֶען הָאט אַן אִינְפֶעקְשָׁאן, דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה, וַוייל מֶען קֶען גוֹרֵם זַיין אַז דָאס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, זָאלְסְטוּ אַוַדַאי גֵיין אִין מִקְוֶה, וַוייל מִקְוֶה הֵיילְט אַלֶע קְרֶענְק; מִקְוֶה אִיז אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ פַארְן מֶענְטְשׁ בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קכג): "אַ דָאקְטֶער וָואס זָאגְט אַז מִקְוֶה שַׁאדְט פַארְן מֶענְטְשׁ - אִיז קַיין דָאקְטֶער נִישְׁט"; וַוייל מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּינִים, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוָה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן, זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.**

BreslevCenter.com\answers

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**



>>>>>>
דֶערְוַוייל דַארְפְן זֵיי בַּארוּאִיגְן דִי קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן פַארְזִיכֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי. אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין רוּאִיג אוּן וִויסְן אַז דִי עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן פַאר זֵיי, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט רוּעֶן בִּיז וֶוען זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶעכְן טֶעלֶער בְּקָרוֹב.

אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ אֵייבִּיג גֶעפִירְט בַּיי אִידְן, ווִי נָאר דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַבִּיסְל אוּנְטֶערְגֶעוָואקְסְן הָאט מֶען גְלַייךְ גֶעזוּכְט פַאר זֵיי שִׁידוּכִים. עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן: "אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיס קַיין שִׁידוּכִים פַאר דִי אַכְצְן", אוּן דָאס גְלַייכְן, אַז מֶען זָאל בַּאשְׁטִימֶען אַ גֶעוִויסֶע עֶלְטֶער וָואס פַאר דֶעם ווִיל מֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קַיין שִׁידוּכִים. עֶלְטֶערְן הָאבְן אַלֶעמָאל גֶעוָואלְט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער ווִי שְׁנֶעלֶער, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר דִי קִינְדֶער. הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ אַז מֶען יָאגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען זוּכְט נִישְׁט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁנֶעל, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דָאס נָאךְ פִיל מֶער וִויכְטִיגֶער פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַמָאל.

(קוּנְטְרֵס הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין קִינְד)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די געוואלדיגע חיזוק שיעורים און דרשות, וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

## ראש ישיבה שליט"א

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

**הבחור שלמה ני"ו**

**עב"ג בת**

**מוה"ר יואל טייטלבוים שליט"א**

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב קרית יואל [עצי תמרים]**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

# נייעס איינערהאלב מוסדותינו הק'

## פריידיגע געפילן צום שידוך שליסן ביים ראש ישיבה שליט"א

מיט התרגשות'דיגע געפילן און גרויס פרייד נעמען אנשי שלומינו אויף די פרייליכע בשורה מיט'ן שידוך שליסן פונעם עלטסטן זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, הבחור החשוב שלמה ני"ו, מיט די טאכטער פון מוה"ר יואל טייטלבוים שליט"א, גבאי דבית המדרש היכל הקודש ברסלב קרית יואל, שכונת עצי תמרים.

דער חתן איז פון די חשובע תלמידים אין ישיבה, וואו ער האט אויסגענוצט זיינע בחור'ישע יארן על התורה ועל העבודה. ער איז באליבט ביי אלע בחורים אין ישיבה מיט זיינע מדות טובות, ער איז באקאנט מיט זיין התמדת התורה, אויסער די שיעורי הישיבה האט ער זוכה געווען צו ענדיגן פאר זיך צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, ער האט זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס, און נאך פילע שיעורים. ווי אויך העלפט ער ארויס גאר אסאך אינעם בית הדפוס, צו קענען דרוקן און פארשפרייטן די ספרים פון הייליגן רבי'ן, און מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן.

די כלה איז א לערערין אין די "בית פיגא" סקול, וואו זי איז באקאנט מיט אירע מדות טובות און מיט איר איבערגעגעבנקייט פאר יעדע תלמידה בלב ונפש.

אנשי שלומינו בפרט און אידן איבער די גאנצע וועלט בכלל, פרייען זיך מיט מיט די שמחה בבית הראש ישיבה שליט"א, ווי באקאנט פאר יעדן וויפיל דער ראש ישיבה שליט"א האט שוין אזויפיל ארויסגעהאלפן אידישע קינדער איבעראל מיט די געוואלדיגע דרשות און חיזוק, וואס ער געבט איבער די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, לויט ווי מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש זי"ע, אויף די היינטיגע שפראך, אויפ'ן היינטיגן פארנעם, אז יעדער איד, אין סיי וועלכע מצב ער איז, זאל זיך קענען אן עצה געבן אין לעבן, און זאל קענען זיין נאנט צום אייבערשטן.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז ער זאל זוכה זיין צו זען פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**ומשמחה זו יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל!**

***

## דער מצב פארבעסערט זיך ביי הבחור יצחק בן אהובה שושנה

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס זענען געקומען גוטע גריסן פון ארץ ישראל, אז דער מצב פון הבחור החשוב איציק מענדלאוויטש ני"ו גייט צום בעסערונג, און ער איז שוין ארויס פונעם קריטישן מצב.

אין א שמועס נעכטן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, האט ער דערציילט אז ער איז געווען מיט עטליכע וואכן צוריק ביי הגאון רבי חיים קניבסקי שליט"א, און אים געבעטן א ברכה ער זאל טרעפן א שידוך, האט אים רבי חיים אנגעוואונטשן א 'רפואה שלימה', האט ער נאכאמאל געבעטן א ברכה פאר א שידוך האט ער געזאגט 'בקרוב'. יעצט ווען מען האט פארציילט פאר רבי חיים אז ער האט געהאט א שווערע עקסידענט און מען פארשטייט וואס ער האט אנגעוואונטשן א 'רפואה שלימה', האט רבי חיים געזאגט "יעצט זאל ער מאכן א סיום הש"ס וועט ער טרעפן א שידוך".

איציק האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז ער האלט שוין ממש ביי סוף ש"ס, און גייט בקרוב מאכן א סיום ביים שטוב פון רבי חיים.

פון די מעשה זעט באשיינפערליך ווי תפילה העלפט, אזויפיל אידן האבן מתפלל געווען פאר אים, און געלויבט דעם אייבערשטן אז ער איז שוין ארויס פונעם שרעקליכן מצב סכנה אין וואס ער האט זיך געפינען.

מען בעט אז מען זאל ווייטער מתפלל זיין פאר הבחור יצחק בן אהובה שושנה פאר א גאנצע רפואה.

**תפלות ישראל עושה רושם!**

## כוס תנחומין

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך משתתף מיט די צער און ווייטאג פון

**מו"ה אלימלך שארף הי"ו**

**וואס טרויערט אויף די פטירה פון זיין טאטע**

**הרה"ח ר' משה ב"ר שמואל ז"ל**

**המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבילי ציון וירושלים**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אליעזר הירשפעלד** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך >** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**